בס"ד

# פרדי"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת אחרי קדושים תשע"ז** **פרקי אבות ג** **גליון 407 [שנה ט']**

**שיינע דרוש וועגן מיתת שני בני אהרן מיט פארענטפערן אסאך קשיות**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ: (ט"ז א') פרעגן אלע פארוואס דארף שטיין שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן מיר ווייסן אז זיי זענען געווען צוויי? נאך פרעגן אלע אז עס שטייט אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן אז זיי זענען געשטארבן פארוואס שטייט נאך אמאל וַיָּמֻתוּ? נאר מען קען דאס ענטפערן דורך פרעגן נאך פיר קשיות: ווייל עס איז דא דער פסוק (דברים ט כ) וּבְאַהֲרֹן הִתְאַנַּף ה' מְאֹד לְהַשְׁמִידוֹ וָאֶתְפַּלֵּל גַּם בְּעַד אַהֲרֹן בָּעֵת הַהִוא: זאגט רש"י פון מדרש לְהַשְׁמִידוֹ – זה כִּלּוּי בנים וכן הוא אומר (עמוס ב ט) וָאַשְׁמִיד פִּרְיוֹ מִמַּעַל, אז באמת וועגן חטא העגל וואלטן אלע קינדער פון אהרן גדארפט חלילה שטארבן, נאר וָאֶתְפַּלֵּל גַּם־בְּעַד אַהֲרֹן: והועילה תפילתי לכפר מחצה ומתו שנים ונשארו השנים, די תפלה פון משה האט געהאלפן אויף האלב און נאר צוויי זין נדב ואביהוא זענען געשטארבן און אלעזר ואיתמר זענען געבליבן לעבן ע"כ רש"י. א] פרעגט די מהרש"א (יומא דף פז.) אז די גמ' זאגט דארטן אשריהם לצדיקים: וואס זענען מזכה זייער קינדער עד סוף כל הדורות, ווייל אהרן האט געהאט נאך קינדער, אזוי ווי עס שטייט (ויקרא י יב) וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן וְאֶל אֶלְעָזָר וְאֶל אִיתָמָר בָּנָיו, אלא שעמד להם זכות אביהם; זיי זענען געבליבן לעבן אין זכות פון אהרן. איז שווער אז דא זעט מען אז אלעזר ואיתמר זענען געבליבן לעבן אין זכות פון אהרן, און רש"י זאגט זיי זענען געבליבן לעבן אין זכות פון משה'ס תפילה? ב] נאך איז שווער ווי קען זיין אז נדב ואביהוא זענען געשטארבן וועגן חטא פון אהרן ווען עס שטייט (דברים כד טז) וּבָנִים לֹא־יוּמְתוּ עַל־אָבוֹת אִישׁ בְּחֶטְאוֹ יוּמָתוּ? ג] נאך איז שווער אויב די תפילה פון משה האט געהאלפן אויף האלב פארוואס איז דאס געהאלפן אויף אלעזר ואיתמר און נישט אויף נדב ואביהוא? ד] נאך איז שווער אז רש"י ברענגט אין פ' משפטים אז נדב ואביהוא זענען געווען מחוייב מיתה ווייל זיי האבן געקוקט אויף די שכינה און נישט וועגן די חטא פון אהרן? נאר באמת איז אלע דרשות אמת ווייל באמת איז משמע אז אלע קינדער פון אהרן האבן געקוקט אויף די שכינה נאר פארוואס זענען זיי נישט געשטארבן דעריבער שטייט אין די גמ' יומא אין זכות פון אהרן אשריהם לצדיקים וואס זענען מזכה זייער קינדער. אבער נאכדעם וואס אהרן האט געמאכט דעם עגל שטייט וּבְאַהֲרֹן הִתְאַנַּף ה' מְאֹד לְהַשְׁמִידוֹ אז חלילה אלע קינדער זאלן שטארבן וועגן די זינד פון קוקן אויף שכינה און יעצט האט אהרן נישט געהאט א זכות פאר די קינדער דעריבער האט די תפילה פון משה געהאלפן אויף ראטעווען צווי קינדער, יעצט אז נדב ואביהוא האבן מקטיר געווען די קטורת און אין תורת כהנים פ' אחרי שטייט אז זייער עבירה איז געווען שלא נטלו עצה זה מזה, איז דאס נישט געווען אזא גרויסע עבירה אויף צו זיין חייב מיתה. נאר יעצט האט זיך אויפגעוועקט זייער פריערדיגן חטא פון קוקן אויף די שכינה, משא"כ אלעזר ואיתמר זענען נישט אריין לפני ה' דעריבער זענען זיי געבליבן לעבן. דעריבער איז פארענטפערט א] די קשיא פון מהרש"א אויף רש"י פון די גמ' יומא. ב] און נדב ואביהוא זענען נישט געשטארבן וועגן חטא פון אהרן. ג] און איז גוט פארוואס די תפילה פון משה האט נישט געהאלפן אויף נדב ואביהוא ווייל נאר זיי האבן מקטיר געווען לפני ולפנים. ד] און וועגן אלעזר ואיתמר קוקן אויף די שכינה, זי זענען געראטעוועט סיי אין זכות פון אהרן און סיי די תפילה פון משה. מיט דעם איז פארענפערט אונזער ערשטע צוויי קשיות 1] פארוואס שטייט שני בני אהרן צו פארענטפערן פארוואס דוקא די צוויי, נדב ואביהוא און נישט אלעזר ואיתמר, 2] און דאס מיינט דער פסוק אַחֲרֵי מוֹת, וואס די צוויי זענען געווען מחוייב מיתה אמאל, וועגן קוקן אויף די שכינה, און זיי זענען געראטעוועט געווארן אין זכות פון אהרן אבער ווייל בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' האט אויפגעוועקט די אלטע חטא פון קוקן אויף די שכינה, און דעריבער יעצט וַיָּמֻתוּ, פון אמאל. (המו"ל בארבעט פון ספר צמח דוד להגאון ר' יוסף דוד בעל שו"ת בית דוד ועוד – שאלוניקי תקכ"ב)

**חילוק פון חטאת פון אהרן און חטאת פון כלל ישראל**

וְסָמַךְ אַהֲרֹן אֶת־שְׁתֵּי יָדָו עַל רֹאשׁ הַשָּׂעִיר הַחַי וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת־כָּל־עֲוֹנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶת־כָּל־פִּשְׁעֵיהֶם לְכָל־חַטֹּאתָם וְנָתַן אֹתָם עַל־רֹאשׁ הַשָּׂעִיר וְשִׁלַּח בְּיַד־אִישׁ עִתִּי הַמִּדְבָּרָה: (טז כא) לכאורה דארף מען פארשטיין אז דער שעיר איז געווען א חטאת און אהרן האט אויך געברענגט א חטאת, וְהִקְרִיב אַהֲרֹן אֶת־פַּר הַחַטָּאת אֲשֶׁר־לוֹ וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ: וואס דאס איז אויך א כפרה און פארוואס די פר החטאת פון אהרן האט מען מקריב געווען אויף די מזבח און די שעיר החטאת שטייט אז מען האט אראפגעווארפן די בארג כדי עס זאל גיין צו די ס"מ – שטן? נאר די גמ' (יומא דף פו:) פרעגט א סתירה פון ברייתות, שטייט גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כשגגות, און עס שטייט גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות? לא קשיא כאן מאהבה כאן מיראה, אז א מענטש טוט תשובה פון יראה ווערט פון זיין זדונות א שוגג, אבער אז מען טוט תשובה מאהבה ווערט אפילו די זדונות א זכות, ממילא אהרן הכהן האט זיכער תשובה געטאן מאהבה, ממילא האט ער נאר זכויות, קען ער מקריב זיין די קרבן אין מקדש, אבער רוב כלל ישראל טוהען תשובה נאר מיראה, בלייבט נאך ביי זיי אסאך שוגג, דעריבער ווארפט מען דאס אראפ די בארג צו די ס"מ. וועט זיין א חידוש אז אויב כלל ישראל וואלטן יענעם יאר אלע תשובה געטאן מאהבה וואלט די שעיר געבליבן גאנץ און לעבעדיג. (חת"ם סופר)

פרשת קדושים

**פארוואס שטייט די סמיכות דוקא ביי שבת**

אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ: (יט ג) זאגט רש"י עס שטייט שמירת שבת נאנט צו מורא אב אונז צו לערנען אפילו עס איז דא א דין פון מורא האבן פון אביו ואמו אבער אויב זיי הייסן מחלל שבת זיין, טאר מען זיי נישט פאלגן און אזוי אויך ביי אנדערע מצוות. פרעגן אלע פארוואס שטייט דעם דין דוקא ביי שמירת שבת? נאר רבי שמעון זאגט אז מלאכה שאין צריכין לגופה איז נישט אסור מן התורה נאר מדרבנן (מס' שבת דף קה:). און דער מהר"ק (שורש קלז) שרייבט אז א מלאכה וואס מען טוט אין שבת ווייל מען האט מורא, אזוי ווי די גמ' (יבמות דף קכא:) ברענגט אז א גוי האט געהייסן א איד מחלל שבת זיין און אויב נישט וועט ער אים הרגנען איז דער איד נישט עובר מדאורייתא, ממילא לויט דעם וואלט מען געמיינט אז דאס זעלבע איז ווען אביו ואמו הייסן מחלל שבת זיין וועט מען מעגן פאלגן, דעריבער זאגט די תורה אז מען טאר נישט פאלגן ביי חילול שבת און דאס זעלבע איז אויך ביי אלע אנדערע מצוות. (פרדס יוסף)

**פרקי אבות פרק ג** הוּא הָיָה אוֹמֵר, כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. מען וואלט געקענט מסביר זיין דעם משנה אז רוח הבריות נוחה הימנו מיינט אז מענטשן האבן אים ליב און ער האט נישט קיין שונאים, און דאס איז א ראיה אז דער אויבערשטער איז באוויליגט פון דער מענטש. און דאס זאגט שלמה המלך (משלי טז ז) בִּרְצוֹת יְהֹוָה דַּרְכֵי־אִישׁ, ווען דער אויבערשטער איז באוויליגט אין די מעשים פון א מענטש, דעמאלט'ס גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ. האט דער מענטש נישט קיין שונאים, אבער אויב אֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, און ער האט שונאים איז א סימן אז אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. (שמח זבולון תשע"ז)

## *מדור העובדות*

## *דער הייליגער אפטא רב זצוק"ל באווייזט א אינטרעסאנטער הנהגה מיט זיין חסיד*

הרה"ג ר' אליעזר אב"ד דק"ק גריידונג איז געווען פון די חסידים פון הייליגן אפטא רב הרה"ק ר' אברהם יהושע העשל זיע"א בעל מחבר ספר אוהב ישראל, און תלמיד פון הייליגן רבי ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל. ער פלעגט שטענדיג דערציילן דעם פאלגעדיגן מעשה מיט גרויס התרגשות. ר' אליעזר איז אמאל געווען ביים הייליגן אפטא רב און געווארט ער זאל קענען אריין גיין צו אים. אבער עס האט געווארט א גרויסער עולם און דער מענטש וואס האט געווארט פאר אים איז געווען איינער פון די גאר דערהויבענע חסידים פון רבין.

ווען יענער איז אריין האט ער נישט פארמאכט דעם טיר און ר' אליעזר האט געקענט זען און הערן. ער איז נישט געווען אינטערעסירט צוצוקוקן וואס יענער טוט אבער ר' אליעזר האט געזען ווי ער גיט איבער א קוויטל פארן רבין, און דער רבי קוקט אריין און ליינט דעם קוויטל און פארטראכט זיך און נאכדעם הויבט ער אן צו רעדן הויך, און פרעגט דעם חסיד וואס ער האט געדארפט? דער חסיד האט געענטפערט אז היות אז ער איז זייער מקפיד און האט קיינמאל נישט גענומען קיין שום מתנות פון געלט פון מענטשן און יעצט האט ער צוויי טעכטער וואס ער דארף זיי חתונה מאכן און געלט האט ער נישט, דעריבער בעט ער דעם רבין אז דער אויבערשטער זאל אים צו שיקן די געלט אויף די חתונות אן ער זאל נישט דארפן נעמען מתנות פון מענטשן. [ר' אליעזר פארשטייט אז דער חסיד האט גוט געפרעגט און האט געווארט צו הערן וואס דער אפטא רב וועט אים אויף זיין פארלאנג ענטפערן!]

דער אפטא רב'ס פנים ווערט א פלאם פייער און מען זעט ווי ער שוועבט אין העכערע וועלטן און ווען ער קומט צו זיך טראכט ער א ווייל'ע און ווערט זייער ערנסט און רופט זיך אן צום חסיד: "אין הימל איז מען זייער ברוגז אויף דיר יעצט ווייל דו ווילסט איך זאל טאן אזאך וואס איז נגד דעם רצון הבורא! זאלסט וויסן אז עס זענען דא אסאך נשמות וואס האבן נאך נישט זייער זכות אויף די וועלט ווייל זייער תיקון איז נאר פון דעם וואס זיי וועלן געבן פאר געלט א עהרליכן איד ווי דיר! און דער אויבערשטער האט רחמנות אויף די נשמות און וויל זיי צו שיקן ערליכע אידן בעטן געלט כדי זיי זאלן האבן א זכות, און אזוי האבן די נשמות זייער תיקון. איך ווייס אז עס איז דא עטליכע נשמות וואס ווארטן אויף א תיקון דוקא דיר צו געבן געלט און אויב דו וועסט נישט נעמען פון זיי געלט וועסטו אפהאלטן זייער תיקון. דעריבער איז מען ברוגז אויף דיר אין הימל! איך הייס דיר פאהרן ארום די שטעט און זאלסט מזכה זיין די נשמות וואס ווארטן אויף זייערע תיקון.

נאר איין זאך וועל איך יא טאן פאר דיר אז עס זאל זיין גרינגער פאר דיר. איך וועל דיר מיט געבן א המלצה בריוו און א ברכה אז דו זאלסט שנעל טרעפן די נשמות און אזוי וועסטו מצליח זיין צו באקומען די גאנצע געלט." ר' אליעזר ווערט נשתומם צו הערן פון הייליגן אפטא רב אזעלכע אפענע רייד און הימלישן סודות! און נאך מער אז דער רבי זאל אנשרייען א חסיד און אזוי אויך משבח זיין א חסיד און דער חסיד זאל נישט כאפן התפעלות פון דעם כאילו אים מיינט מען נישט.

דער אפטא רב רופט אריין זיין הייליגן זון הרה"ק ר' יצחק מאיר פון זינקוב זצוק"ל, און הייסט אים שרייבן א ווארעמע בריוו. און ר' אליעזר שטייט נאך און איז באגייסטערט און ווערט נאך מער נתפעל ווען דער אפטא רב ליינט דעם בריוו און זאגט צו זיין הייליגער זון "האסט זייער גוט געשריבן אבער דו מוזט דאס איבערשרייבן מיט שענערע און שטארקער טיטלען פאר דעם איד, און הייסט זיין זון צולייגן "אז וואו דער איד וועט אנקומען זאל מען אים געבן גרויס כבוד". דער זון האט אנגעשריבן דעם בריוו און דער הייליגער רבי האט געחתמ'ט אויף דעם און דאס איבער געגעבן פארן חסיד און געגעבן א ברכה "וואו ער וועט גיין זאל מען אים אנקעגן טראגן געלט מיט כבוד"

דער חסיד האט איבערגענומען דעם בריוו און האט זיך געזעגנט פון רבין. דערציילט ר' אליעזר אז ער האט געטראפן דעם חסיד און געבעטן אנטשולדיג וואס ער האט געהערט זיין געשפרעך מיטן אפטא רב און וועגן דעם בריוו און פרעגט צו ער האט טאקע מצליח געווען? און ר' אליעזר האט ארויס געגעבן זיין הרגשים וואס ער האט געזען וואס דער רבי האט געזאגט פארן חסיד! און דער דערהויבערנער חסיד זאגט ער האט נישט געווען קיין סודות און האט אים דערציילט אז ער האט באמת זייער שיין מצליח געווען און אויך געטראפן די נשמות גאר שנעל און אין א קורצע צייט געהאט אלעם וואס ער האט געדארפט, דער חסיד האט אויסגעפירט אז ער איז געווען שטארק בצער אז דער רבי האט אים אזוי משבח געווען ווייל ער האט געמוזט שטארק ארבעטן ער זאל נישט קומען צו גאות. ר' אליעזר האט דא געזען ווי א איד קען זיך אזוי הויך דערגרייכן, און וועגן דעם ענין האט עס זיך דערקענט פארוואס מען זאגט אז יענער איז א דערהויבענער חסיד. דעם סיפור איז געווען א שטארקע מוסר ספר פאר ר' אליעזר און דעריבער שטענדיג דאס דערציילט ווי הויך א חסיד קען דערגרייכן.


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן***

*תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן וואר עם וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000*, מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, pick up for free.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגן צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטומ'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,